NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11230

# FRONT

## Erich Maria Remarque

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאטעק „אויס אמטוראצנעם"

ע. רעמארק

# פראנט



צענטרפארלאג
מאסקווע-כארקאוו-מינסק
אלוקריינישע אפטיילונג

Printed in USSR

№

4 ביבליאטעק „אויס אמעראצעס" №

ע. רעמארק

# פראָנט

צענטרפאַרלאַג
מאסקווע — כארקאָוו — מינסק
אלוקרײנישע אָפּטײלונג

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Укр. Друку" „Картковому репертуарі" та інших покажчиках Української Книжкової Палати

1930

אוקרהויפטליט נומ. 1904. באשטעלונג נומ. 3866 טיראַזש 6000 עקז.

ראטפאָלקווירט אוסר״ר, אוקרפאָליגראפאַרייניקונג

1־טע דרוקעריי „קאָמוניסט", כארקאָוו, פושקין־גאַס, 31.

# פראָנט

די לופט ווערט געדיכט פון קאַנאָנען־רויך און נעפּל. אַפן צונג שפּירט זיך דער ביטערער פּולווער־רויך. די שאָסן קנאַקן אַזוי, אַז אונדזער וואָגן טרייסלט זיך. דער ווידערקאָל פאַרהילכט די לופט. אַלץ וואַקלט זיך.

אומבאַמערקט פאַרענדערן זיך אונדזערע פּנימער. עמעס, מיר גייען נישט אין די גראָבנס, נאָר צו די שאַנצן, אָבער אַף יעדן פּאָנים איז איצט אָנגעשריבן: דאָ איז דער פראָנט, מיר געפינען זיך אַף זיינע גרענעצן.

דאָך האָבן מיר נאָך נישט שטאַרק מוירע. ווער ס׳פּרט אַזוי אָפּט ווי מיר צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס, דער ווערט גראַבהויטיק. נאָר די יונגע רעקרוטן זיינען אופגערעגט. אונדזער כאַווער קאַט גיט זיי אַ לעקציע אין הילכעס שלאַכטן:

— דאָס איז געוועזן אַ 30,5, איר הערט עס לויטן שאָס; באַלד קומט דער קנאַל.

דער פאַרטויבטער הילך פון די קלעפּ דרינגט אָבער נישט אַריבער. ער ווערט דערטרונקען אין ליאַרעם פון פראָנט. קאַט הערט זיך צו:

— היינטיקע נאַכט וועט זיין שטורעמדיק.

מיר הערן זיך אלע צו. דער פראָנט איז אומרויִק. קראפ זאָגט: „די טאָמס*) שיסן שוין".

די שאָסן הערן זיך דייטלעך. דאָס זיינען די ענגלישע באַטאַרייעס, האַרט נעבן אונדזער פראָנט־טייל. זיי הויבן אָן מיט אַ גאַנצער שאָ פֿייער. בא אונדז פלעגט מען געוויינלעך אָנהויבן פונקט צען אַ זייגער.

— וואָס איז מיט זיי געשען — שרייט מילער — זייערע זייגערס לויפן, אַפּאָנעם. ס'ווערט פריילעך, זאָג איך אייך, איך שפיר עס אין די ביינער.

קאַט קוועטשט מיט די פּלייצעס.

נעבן א נדז הילכן אָפּ דריי שאָסן. דער פייערשטראל שיסט קרום אין נעפל אַריין. די קאַנאָנען ברומען און ווילדעווען. מיר טרייסלען זיך און זיינען צופרידן, וואָס מאָרגן פרי וועלן מיר זיין צוריק אין די באַראַקן.

אונדזערע פּנימער זיינען נישט בלייכער און נישט רויטער ווי שטענדיק; זיי זיינען אויך נישט געשפאַנטער און ניט רויִקער, און דאָך זיינען זיי גאָר אַנדערע. אין מאָמענט, ווען ס'פייפן די ערשטע גראַנאַטן, ווען די לופט צעטרייסט זיך אונטערן הילך פון די שאָסן, כאַפּט זיך פּלוצלונג אַ ריין אין אונדזערע אָדערן, אין אונדזערע הענט, אין אונדזערע אויגן אַ מין געשפּאַנט וואַרטן, אַ לויערן, אַ שטאַרקער וואַכזיין, אַ מאָדנע עלאַסטישקייט פון די געפילן. דער קערפּער איז פול מיט גרייטקייט.

---

*) די טאָמס — די ענגלענדער.

יעדעס מאָל קומט פאַר דיזעלבע זאַך: מיר פאָרן אַוועק און זיינען אומצופרידענע אָדער גוטגעשטימטע זעלנער; דערנאָך קומען די ערשטע קאַנאָנען-געשטעלן, און יעדעס וואָרט פון אונדזער שמועס האָט אַ פאַרענדערטן קלאַנג.

בעיס האָט שטייט פאַר די באַראַקן און זאָגט: „ס'וועט שטורעמדיק" — איז עס בלויז זיין מיינונג, נישט מער; ווען ער זאָגט עס אָבער דאָ, באַקומט דערדאָזיקער זאַך אַ שאַרפקייט פון אַ באַיאָנעט אין דער נאַכט בײַם לעוואָנע-שיין, ער שניידט גלאַט דורך די געדאַנקען, ער איז נענטער און רעדט צום דאָזיקן אומבאַוווּסטן, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין אונדז מיט אַ פאַרנעפּלטער באַדייטונג. „ס'וועט שטורעמדיק" — עפּשער איז עס אונדזער אינערלעכסטע און געהיימסטע אין לעבן, וואָס ווערט פאַרציטערט און שטעלט זיך אַנטקעגן.

פאַר מיר איז דער פראָנט אַ מוירעדיקער וואַסערשטראָם. ווען מ'איז נאָך גאַנץ ווייט פון זיין צענטער אין שטילן וואַסער, שפּירט מען שוין די קראַפט, מיט וועלכער ער ציט צו זיך. לאַנגזאַם, אומפאַרמיידלעך, אָן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

פון דער ערד אָבער, פון דער לופט שטראָמען אונדז אַנטקעגן פאַרשידענע ווידערשטאַנד-קרעפטן, — אַמיינסטן פון דער ערד. פאַר קיינעם איז די ערד נישט דאָס, וואָס פאַרן זעלנער. בעיס ער דריקט זיך צו איר צו, לאַנג, העפטיק, בעיס ער גראָבט זיך איין אין איר טיף מיטן פּנים אין טויט-אַנגסט פאַרן

פייער, דעמאָלט איז זי זיין איינציקער פריינט, זיין ברודער, זיין מוטער; ער וויינט אַריין זיין מוירע און זיינע קוילעס אין איר שוויגן, אין איר באַהעלטעניש, זי נעמט זיי אויף און לאָזט אים ווידער אָפּ אַף בייע צען סעקונדן־לויף אין לעבן, טוט אים צוריק אַ נעם, און אָפּטמאָל אַף שטענדיק.

ערד — ערד — ערד!

באַם ערשטן קנאַל פון די גראַנאַטן־אויפרייסן שפּרינגען מיר אָפּ מיט איין רוק אין אַ טייל פון אונ־דזער זיין אַף טויזנטער יאָרן צוריק. ס'איז דער אינסטינקט פון דער כאַיע, וואָס כאַפּט זיך אין אונדז אויף, וואָס פירט און באַשיצט אונדז. מ'גייט און מ'קלערט נישט וועגן קיין שום זאַך — פלוצלונג ליגט מען אין אַ לאָך און איבערן קאָפּ שפּריצן די קוילן־שטיקלעך; — מ'קאָן זיך אָבער נישט דערמאַנען, צי האָט מען זיך אַוועקגעלייגט, הערנדיק דעם פייף פון די קוילן, אָדער שוין פריער וועגן דעם געטראַכט. ווען מ'זאָל זיך פאַרלאָזן אַף דעם, וואָלט מען שוין זיכער געווען אַ הויפן צעריבן פלייש. ס'איז טאַקע געווען דער געפיל, וואָס האָט אונדז אַ שליידער גע־טאָן און געראַטעוועט, מיר האָבן אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי. ווען נישט דידאָזיקע אינטויציע, וואָלט פון פלאַנדריען ביז צו די וואָגעזן שוין לאַנג נישט געווען קיין איינציקער מענטש.

מיר פאָרן אַוועק ווי בייזע אָדער גוטגעשטימטע זעלנער, — מיר קומען אַפן שטעך, ווו ס'הויבט זיך אָן דער פראָנט, און מיר ווערן מענטשן־כאַיעס.

מיר פאַרקלויבן זיך אין אַ שיטערן וואַלד און גייען פאַרביי די גולאַש־קאַנאָנען. הינטערן וואַלד גייען מיר אַראָפּ, די וועגענער פאָרן צוריק. מאָרגן באַגינען דאַרפן זיי אונדז קומען אָפּנעמען.

נעפּל און קאַנאָנען־רויך באַדעקן די לאַנקעס ביז דער הויך פון אַ מענטשן. די לעוואָנע באַשיינט זיי. איבערן שאָסיי ציען זיך כאַיאָלעס. די קעפּ און ס׳געווער שטאַרן אַרויס דורך ווייסן נעפּל, די קעפּ שאָקלען זיך, ס׳געווער וואַקלט זיך.

ווייטער, פראָנט־צו, פאַרשווינדט דער נעפּל. די קעפּ פאַרוואַנדלען זיך אין געשטאַלטן: רעק, הויזן און שטיוול קריכן אַרויס פון נעפּל ווי פון אַ מילך־טייך. זיי פאָרמירן זיך אין אַ קאָלאָנע. די קאָלאָנע מאַרשירט פאָרויס, די געשטאַלטן שליסן זיך אין אַ האַלבקרייז. קיינע איינצלנע זעט מען נישט מער, בלויז אַ טונקעלער האַלבקרייז רוקט זיך פאָרויס.

אַף אַ קווער־גאַס פאָרן לייכטע קאַנאָנען און אַמוניציע־וועגענער. די פערד האָבן, אונטער דער לעוואָנע־שיין, גלאַנצנדיקע רוקנס, זייערע באַוועגונגען זיינען שיין. זיי וואַרפן מיט די קעפּ, מ׳זעט ווי ס׳בליצן זייערע אויגן. די קאַנאָנען און וועגענער לויפן פאַרביי דעם פאַרשווימענדיקן הינטערגרונט פון דער לעוואָנע־לאַנדשאַפט, די רייטער מיט זייערע שטאָל־היטלען זעען אויס ווי ריטער פון אַ פאַרגאַנגענער צייט. עפּעס איז עס גאָר שיין און רירנדיק.

מיר ציען זיך צום פאַראַד־פּאַרק. אַ טייל פון אונדזערע לאָדן אָן אַף די אַקסלען געבויגענע, שפּיציקע

אייזן־שטאַבעס, די איבעריקע שטעקן אַריין גלאַטע אייזן־שטאַבעס אין די ראָלקעס דראָט און מאַר־שירן דערמיט ווייטער. די מאַסע איז אומבאַקוועם און שווער.

דער שעטעך ווערט צעריסענער — פון פראָנט רייסן זיך אַדורך מעלדונגען: „פאַרזיכטיק, לינקס אַ טיפער גראַנאַט־גראָבן!"

אונדזערע אויגן זיינען געשפּאַנט, אונדזערע פיס און שטעקנס שפּירן פאָרויס, נאָך איידער זיי דערפילן די לאַסט פון קערפּער. מיטאַמאָל בלייבט דער צוג שטיין; מ'האַקט מיטן געזיכט אָן די דראָט־ראָלקעס פון די פאָדערשטע רייען און מ'זידלט זיך.

אַפן וועג ליגן עטלעכע צעשאָסענע וועגענער. אַ נייער באַפעל: „אויס פאַפּיראָסן און פּייקעס". — מיר זיינען האַרט נעבן די גראָבנס.

דערווייל איז געוואָרן גאַנץ טונקל. מיר מיידן אויס אַ וועלדל און האָבן פאַר זיך דעם גאַנצן פראָנט־טייל.

אַן אומזיכערע, רויטלעכע העלקייט טראָגט זיך אַפן האָריזאָנט פון איין עק ביזן צווייטן. זי איז אין שטענ־דיקער באַוועגונג, אויסגעצייכנט פון אומופהערלעכן באַטאַרייען־פייער. לייכט־קוילן שטייַגן אויף אינדער־הויך, זילבערנע און רויטע פּילקעס, וואָס פּלאַצן אויף און גיסן זיך פאַנאַנדער ווי אַ רעגן פון ווייסע, גרי־נע און רויטע שטערנס. ס'שיסן פראַנצויזישע ראַקעטן, וואָס וויקלען פאַנאַנדער אין דער לופט אַ זיידנשי־רעם און שוועבן זייער פּאַמעלעך אַרונטער. זיי באַ־

לויכטן אלץ ווי אין מיטן טאָג, מיר זעען אונדזערע שאָטנס דייטלעך אפן באָדן. מינוטן־לאנג שוועבן זיי, איידער זיי ווערן אויסגעבּרענט. גלייך שטייגן אוף נייע, אומעטום, און ווידעראַמאָל די גרינע, רויטע און בּלאָווע.

— שלימאַזל! — זאָגט קאַט.

דער קאַנאָנען־שטורעם פאַרשטאַרקט זיך אין איין הילכיקן ליאַרעם און צעפּאַלט דערנאָך ווידער אף גרופּן־שאָסן. די טרוקענע זאלפּן פון קוילנוואַרפערס קנאקן. די לופט איבער אונדז איז אָנגעפילט מיט אַן אומזיכטבּאַרן יאָגן, וואָיען, פייפן און קוויטשען. ס'גייען קלענערע שיסערייען; אָבּער אויך די גרויסע קוילן־קאַסטנס שיטן דורך דער נאַכט גאַנץ שווערע שטיקער און שטייען ווייט הינטער אונדז. זיי גיבּן אַרויס פון זיך אַ פאַרשטיקטן הייזעריקן, ווייטן געשריי, ווי הירשן, און פאַרהילכן דאָס וואַיען און פייפן פון קלענערע קוילנוואַרפערס.

די רעפלעקטאָרן הייבּן אָן אָפּצוזוכן דעם שוואַרצן הימל. זיי רוקן זיך איבּער אים ווי ריזיקע ליניעס. איינער שטייט שטיל און ציטערט בּלויז. טייקעף בּאַווייזט זיך נעבּן אים אַ צווייטער, זיי קרייצן זיך, אַ שוואַרצע פליג טראָגט זיך צווישן זיי בּיידן און פרוווט אַנטלויפן: דער פליער! ער איז פאַרבּלענדט, וואַקלט זיך, פאַרלירט ס'גלייכגעוויכט.

מיר האַקן אַריין אין דר'ערד אין רעגלמעסיקע אַבּערייסן אייזערנע זיילן. יעדע צוויי מאַן האַלטן אַ ראָלקע, און די איבּעריקע וויקלען פאַנאַנדער שטע־

בעדיק דראָט. ס׳איז דער עקלהאַפטער דראָט מיט געדיכטע, לאַנגע שטעכעדיקע שפּיצן. איך בין צו דערדאָזיקער אַרבעט נישט געוווינט און צערייס זיך די הענט ביז בלוט.

אין עטלעכע שאָ זײַנען מיר מיט דער אַרבעט פאַרטיק. מיר האָבן נאָך אָבער צייט, ביז ס׳וועלן קומען די מאַסע־וועגענער. דער גרעסטער טייל לייגט זיך אַוועק און שלאָפט. איך פּרוּוו עס אויך, אָבער ס׳ווערט צו קיל. מ׳פֿײַפֿירט, אַז מ׳געפינט זיך נאָענט פון יאַם, און פון ק[illegible]ט כאַפּט מען זיך קעסיידער אויף.

איינמאָל בין איך שטאַרק איינגעשלאָפן. אַז איך שפּרינג פּלוצלונג אויף מיט איין רוק, ווייס איך נישט, ווו איך בין. איך זע די שטערנס, איך זע די ראַקעטן, און אַ מאָמענט ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך בין איינגעשלאָפן ערגעץ אין אַ גאָרטן בעיס אַ יאָנטעוו. איך ווייס נישט. צי איז איצט טאָג, צי נאַכט. איך ליג אין דער בלייכער וויג פון ביינאַשמאַשעס און וואַרט אַף צאַרטע ווערטער, וואָס מוזן קומען, ווייך און אין דער שטיל. — צי דען ווײַן איך? איך טאַפּ מײַנע־אויגן. אַ וווּנדערלעכע זאַך! צי בין איך אַ קינד? אַ צאַרטע הויט; בלויז איין סעקונדע דויערט עס, און איך דערקען קאַטשינסקיס סילועט. ער זיצט רויִק, דער אַלטער זעלנער, און רויכערט אַ פּײַקע, אַ דעקל־פּײַקע. נאַטירלעך, באַמערקנדיק, אַז איך בין וואַך, זאָגט ער:

— דו האָסט זיך גוט דערשראָקן. ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ צינדער, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן דאָ צווישן די קוסטעס.

איך זעץ זיך אויף: איך פיל זיך שרעקלעך איינזאַם. גוט נאָך, וואָס קאַט איז דאָ. אַ פּאַרטראַכטער קוקט ער זיך צו צום פּראָנט און זאָגט:

— „גאַנץ שיינע פייערווערק, ווען ס׳זאָל נאָר נישט זיין אַזוי געפערלעך".

הינטער אונדז קנאַקן שאָסן. אַ פּאָר רעקרוטן שפרינגען אויף, צעשראָקענע, פון זייערע ערטער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום הויבט עס ווידער אָן צו בליצן, נעענטער ווי פריער. קאַט טרייסלט אויס זיין פייקע.

— ס׳קומען אָן צינדער.

און גלייך הויבט זיך עס אָן. מיר טראָגן זיך אָפּ, ווי ס׳לאָזט זיך. אין גרויס איילעניש. דער נאָענטסטער שאָס פאַלט שוין זיכער צווישן אונדז.

אַ פּאָר מענטשן שרייען. אָפן האָריזאָנט הויבן זיך אויף גרינע ראַקעטן. דער שמוץ פליט אינדערהויך, ס׳רוישן די קוילן - שטיקער. מ׳הערט נאָך ווי זיי פּלאַצן, ווען דער ליאַרעם פון דער שיסעריי איז שוין לאַנג שטום געוואָרן.

ס׳ווערט שטילער, אָבער דאָס שרייען הערט נישט אויף.

— וואָס איז געשען, אַלבערט? — טו איך אַ פרעג.

— אף יענער זייט זיינען אַ פּאָר קאָלאָנעס אינגאַנצן צעשאָסן געוואָרן.

ס׳שרייען דויערט ווייטער. ס׳זיינען נישט קיין מענטשלעכע קוילעס, מענטשן קאָנען אַזוי שרעקלעך נישט שרייען. קאַט טוט אַ זאָג: „פאַרווונדעטע פערד".

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט ווי פערד שרייען, און דעריבער קאָן איך נישט גלויבן. אַ וויל-

דער גרויל־פולער שמערץ, וואָס קרעכצט. מיר זיינען אלע בלייך. דעטערינג טוט זיך אַ שטעל.

— שינדער, שינדער! דערשיסט זיי ווייניקסטנס!

ער האָט א יעדיע אין פערד. ס׳איז אים נאָענט און ווי אַף צעלאָכעס איז איצט ס׳פייער קימאט שטיל געוואָרן, און נאָך דייטלעכער הערט זיך דעריבער ס׳שרייען פון די כאיעס. מ׳ווייסט נישט, פון וואַנען קומט עס אַהער אין דערדאָזיקער איצט אַזוי שטילער, זילבערנער לאנדשאַפט. ס׳איז אומדיכטבאר, אומעטום, צווישן הימל און ערד, עס ווערט געשוואָלן אומגעהייער — דעטערינג פאַלט אַריין אין א ווילדן קאעס און ברילט ווי א לייב:

— דערשיסט זיי, דאָצכים דערשיסט זיי, פארפלוכט זייט נאָך אַ מאָל!

— זיי מוזן דאָך פריער צונעמען די מענטשן! — זאָגט קאַט.

זיי שטייען אוף און זוכן, ווו דאָס אָרט איז. אַז מ׳וועט דערזען די כאיעס, וועט עס זיין לייכטער אריבערצוטראָגן. מייגער האָט בא זיך א פאַרגרעסער־גלאָז. מיר זעען אַ טונקעלע גרופע סאַניטאַרן מיט טראָגבעטלעך און שוואַרצע גרעסערע קנוילן, וואָס באַוועגן זיך. דאָס זיינען די פאַרוווּנדעטע פערד. אָבער נישט אלע. עטלעכע גאַלאָפּירן ווייטער פון דעם אָרט, פאלן אַנידער און לויפן ווייטער. בא איינעם איז אופגעריסן דער בויך, די געדערים הענגען לאַנגע אַרויס. ער פאַרוויקלט זיך אין זיי איין און פאַלט, שטייט אָבער באַלד ווידער אוף.

מיר גייען צוריק. ס׳איז שוין צייט צוצוקומען צו אונדזערע וועגענער. דער הימל איז געוואָרן העלער. דריי אַ זייגער באַגינען. דער ווינט איז פריש און קיל, די גרויע שאָ מאַכט אונדזערע פּענימער אַש־פאַרביק.

מיר קריכן ווייטער, מאַרשירן דורך די גראָבנס און פאַלן אריין אין נעפּל־שעטעך. קאַטשינסקי איז אומ־רויק. דאָס איז אַ שלעכטער סימען.

— וואָס איז מיט דיר, קאַט? — פרעגט קראָפּ.

— איך וואָלט וועלן, מיר זאָלן שוין זיין אינדער־היים. — אינדערהיים — מיינט ער די באַראַקן.

— לאַנג וועט עס שוין נישט דויערן, קאַט.

ער איז נערוועז.

„איך ווייס נישט, איך ווייס נישט".

מיר קומען צו די לויף־גראַבנס און דערנאָך אויף די לאָנקעס. ס׳באַווייזט זיך דאָס וועלדעלע; דאָ קענען מיר געניי יעדעס שטיקל באָדן. אָט איז שוין דער יעגער־בייסוילעם מיט זיינע קוואָרים און די שוואַר־צע צלאָמים.

אין דעם מאָמענט הערט זיך הינטער אונדז אַ פייף, ס׳קנאַקט, ס׳דונערט. מיר האָבן זיך א לייג געטאָן — הונדערט מעטער פאַר אונדז הייבט זיך אויף אַ פייער וואָלקן.

מיט א מינוט שפּעטער הויבט זיך לאַנגזאַם, — פון א צווייטן אָנפאַל — אַ שטיק וואַלד איבער די שפּיצן. דריי, פיר בוימער שלעפּן זיך מיט און ווערן צעפּליקט אויף שטיקלעך. און אָט פייפן שוין ווידער, ווי קעסל־ווענטילאַציעס, נייע גראַנאַטן — אַ שאַרפער פייער.

— שיצונג! — זיך באהאַלטן — בּרילט עמיצער ווי
א לייבּ — שיצונג!

די לאָנקעס זיינען פלאך, דער וואלד צו ווייט און
געפעוּלעך; — ס'איז נישטאָ קיין אנדער שיצונג, ווי
דער בּייסוילעם און די קוואָרים־בּערגלעך. מיר
קריכן אַוועק אהין, און צעשראָקענערהייט פאַרקלויבּט
זיך טייקעף יעדער איינער הינטער א בּערגל.

ס'איז די רעכטע צייט. דאָס כאשכעס ווערט מע־
שוגע. עס שטורעמט און ווילדעוועט. שוואַרצע פינצ־
טערניש, ווי די נאכט, שטורעמט אַף אונדז מיט ריזן־
הויקערס איבּער אונדז אריבּער. דאָס פייער פון די
אופרייסן פלאַקערט אַפן בּייסוילעם.

נישטא אין ערגעץ קיין אויסוועג. בּאַם אופבּליצן
פון די גראנאטן וואַרף איך א בּליק אַף די לאָנקעס,
זיי זיינען ווי א שטורעמדיקער יאם, די פלאמען פון די
קאַנאָנען שפּרינגען ארויס ווי פאָנטאנען. ס'איז אויסגע־
שלאָסן, אַז עמיצער זאָל זיך כּונדאַנען קאָנען ארויס־
ראטעווען.

דער וואלד פארשווינדט, ער ווערט צעטראָטן,
צעבּרעקלט, צעריסן. מיר מוזן בּלייַבּן דאָ אפן בּייסאַ־
קוואָרעס.

פאר אונדז פּלאצט די ערד. ס'רעגנט מיט שטיקלעך
ערד. איך שפּיר א קלאַפּ. מיין אַרבּל איז דורכגעריסן
פון א גראנאט־שפּליטער. איך הויבּ אויף די פויסט.
קיין שום שמערצן. אַבּער דאָס בּארויִקט מיך נישט,
אין אזעלכע פאַלן קומען די שמערצן געוויינלעך
שפּעטער. איך טאפּ דעם אָרעם. די הויט איז אָפּגע־

דיבן, אָבער גאַנץ. און אָט קנאַלט איבער מיין קאָפּ, אַז איך פאַרליר קימאַט דאָס באַוווּסטזיין. איך האָב אַ בליצאַרטיקן געדאַנק: נישט פאַלן אין כאַלאָ־שעס!

איך לאָז זיך אַראָפּ אין דער געדיכטער שוואַרצער ערד־קאַשע און טו זיך באַלד ווידער אַ שטעל איבער־דערהויך. אַ שפּליטער האָט אַ האַק געטאָן אין מיין שטאָלהיטל, ער איז געקומען פון אַזוי ווייט, אַז ער האָט דאָס היטל נישט דורכגעהאַקט. איך ווייש אָפּ דעם שמוץ פון די אויגן. פאַר מיר איז אַן אופגעריסענע לאָך, איך דערקען זי נישט דייטלעך. גראַנאַטן טרעפן נישט ליכט אין דערזעלבער לאָך. דעריבער וויל איך אַהין אַריין. מיט איין שפּרונג ציִ איך זיך אויס אין מיין גאַנצער לענג, פלאַך ווי אַ פיש, איבערן באָדן, און אָט פייפט עס ווידער. געשווינד דריי איך זיך צונויף, זוך וועלכן נישט איז צודעק, דערפיל עפּעס לינקס, רוק זיך צו אַהין, ס׳גיט נאָך, איך קרעכץ. די ערד צערייסט זיך, דער לופטדרוק דונערט אין מיינע אויערן, איך קריך אונטער דעם, וואָס גיט נאָך, פאַרדעק זיך דערמיט. ס׳איז האָלץ, טוך. שיצונג! שיצונג!

איך עפן די אויגן; מיינע פינגער האַלטן ארומגענומען אַן אַרבל. אַן אָרעם. אַ פאַרוווּנדעטער?

איך שריי צו אים, ער ענטפערט נישט — אַ טויטער. מיין האַנט טאַפּט ווייטער, אין הילצשפּליטער — דאָ ווייס איך ווידער, אַז מיר ליגן אַפן בייסוילעם.

אָבער דאָס פייער איז שטאַרקער ווי אַלץ אַרום. ס׳פאַרניכטעט דעם באַוווּסטזיין, איך קריך בלויז נאָך

טיפער אונטער דער טרומנע, ווען אַפילע דער טויט גופע זאָל אין איר ליגן.

מיטאמאָל דערזע איך אַן אָפענע גרוב. איך כאַפּ מיט די אויגן, פּונקט ווי מיט פויסטן, איך מוז מיט איין שפּרונג אַהין אַריין. און אָט באַקום איך אַ האַק אין פּאָנים, אַ האַנט כאַפּט אַרום מיינע פּלייצעס, — די האַנט טרייסלט מיך, איך דריי אויס דעם קאָפּ, צי האָט זיך דער טויטער צוריק אופגעכאַפּט? אין דער סעקונדן־קורצער ליכטיקייט דערזע איך קאטשינסקיס געזיכט. ער האַלט אָפן דאָס מויל און ברילט, איך הער גאָרנישט, ער טרייסלט מיך, דער־נעענטערט זיך; אין אַ מאָמענט פון שטילקייט דער־גרייכט צו מיר זיין שטים:

— גאַז־גאַאַז־גאַאַז!

איך טו אַ ריס צו זיך דאָס גאַז־שיידל. אַ פּאָר טריט פון מיר ליגט עמיצער. איך קלער נישט מער וועגן דעם: יענער דאָרט מוז עס וויסן:

— גאַאַז — גאַז!

איך רוף, רוק זיך צו. האַק מיטן שיידל, ער מערקט נישט — נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל — ער באַוועגט זיך קוים — ס'איז אַ רעקרוט — פאַרצווייפלט זוך איך קאַטן. ער האַלט די מאסקע — איך רייס מיינע אויך אַרויס, דאָס היטל פליט אין אַ זייט, עס באַרירט מיין געזיכט, איך דערגרייך דעם מאַן, צום נאָענטסטן ליגט מיר זיין שיידל, איך טו אַ נעם די מאסקע, שאַר זי אַריבער זיין קאָפּ, ער טוט אַ כאַפּ — איך לאָז נאָך — און פּלוצ־לונג ליג איך מיט איין שפּרונג אין גראָבן.

דער טעמפּער קנאַל פֿון די גאַז־גראַנאַטן מישט זיך צונויף מיטן טראַסק פֿון די אופּרייסנדיקע האַר־מאַטן. אַ גלאָק הילכט צווישן די אופּרייסן, כינעזישע בענקס (גאָנגס), מעטאַל־קלאַפּערס זאָגן אָן אומעטום — גאַז־גאַז־גאַז!

הינטער מיר הערט זיך אַ פּלומפּען, איינמאָל, צוויי־מאָל. איך וויש אויס זויבער די פֿאַרצויגענע אויגן־גלעזער פֿון מיין מאַסקע. ס'איז קאַט, קראַפּ און נאָך עמיצער. מיר ליגן זאַלבעפּערט אין שווערער, לויערנדיקער שפּאַנונג און אָטעמען אַזוי שוואַך, ווי ס'איז נאָר מעגלעך.

די דאָזיקע ערשטע מינוטן מיט דער מאַסקע באַ־שליסן אונדזער לעבן און טויט: איז זי געדיכט? איך קען די שרעקלעכע בילדער פֿון לאַזאַרעט: גאַז־קראַנקע, וואָס שפּייען אויס ביסלעכווייז זייערע פֿאַר־ברענטע לונגען דורך אומופּהערלעכן ברעכן טעג נאָכאַנאַנד.

פֿאָרזיכטיק, דאָס מויל אָנגעשפּאַרט אָן פּאַטראָן, אָטעם איך. —

איצט קריכט דער דאַמף איבערן באָדן און פֿאַלט אַריין אין אַלע פֿאַרטיפֿונגען. ווי אַ ווייכע, ברייטע פֿאַרגליווערטע כאַיע, לייגט ער זיך אַוועק אין אונדזער שוץ־גראָבן. איך שטורכע קאַטן:

— ס'איז בעסער אַרויסצוקריכן און ליגן אויבן, איי־דער דאָ, ווו דער גאַז זאַמלט זיך אַמיינסטן. אָבער מיר קאָנען גאָרניט מאַכן; ס'הויבט זיך אָן אַ צווייטער פֿייער־האָגל. ס'מאַכט דעם איינדרוק, אַז עס קנאַקן

און בריקן נישט די הארמאטן, נאָר די ערד גופא ליארעמט אוןווילדעוועט.

מיט אַ מוירעדיקן קראַך לאָזט זיך אַראָפּ צו אונדז עפּעס א מין שוואַרצער געגנשטאנד. האַרט נעבן אונדז פאַלט עס אראפּ, אַ טרומ:ע אַן אראָפּגעשליידערטע פון א הויך אָרט.

מיין קאָפּ רוישט אונטער דער גאַז־מאַסקע, ער האלט באַם פּלאַצן. די לונגען זיינען אָנגעשטרענגט, ווידער האָבן זיי קעסיידער דעמזועלבן הייסן, קורצן אָטעם, די שלייפן־אָדערן ווערן געשוואָלן, ס׳ווייזט זיך אויס, אז מ׳ווערט דערשטיקט.

טראָפּנווייז פליסט צו אונדז אַ־ין אַ גרויע ליכטיקייט. איבערן בייסוילעם טראָגט זיך א ווינט. איך רוק זיך ארויס איבערן ראַנד פון גראָבן. אין דער שמוציקער דעמערונג ליגט פאַר מיר אַן אופגעריסענער פוס, דער שטיוול איז לאַכלוטו גאַנץ, איך זע עס אין דעם אויגנבליק גאַנץ דייטלעך, אָבער איצט שטעלט זיך, עטלעכע מעטער ווייטער פון מיר, עמיצער אַף די פיס, איך פוץ די מאסקע־גלעזער, פון אופרעגונג ווערן זיי מייקעף ווידער פאַרצויגן, איך קוק אַריבער,— דער מאַן דאָרט טראָגט שוין נישט מער קיין גאַז־מאַסקע.

איך ווארט נאָך אַ פּאָר סעקונדן — ער פאַלט נישט אַנייער. זוכנדיק, קוקט ער זיך ארום, און מאכט עטלעכע טריט.— דער ווינט האָט צעטריבן דעם גאַז, די לופט איז פריי,— און אָט רייס איך אויך, כאָרכלענדיק, אַראָפּ די מאַסקע, די לופט שטראָמט אין מיר

אַרײַן ווי קאַלט וואַסער, די אויגן ווילן פּלאַצן, אַ כוואַליע פאַרגיסט מיך און שווענקט מיך אָפּ.

די אָנגריפן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איך דריי זיך אויס צום גראָבן און ווינק צו די איבעריקע. זיי קלעטערן אַרויף און רײַסן אַראָפּ פון זיך די מאַסקעס. מיר נעמען אַרום דעם פאַרוווּנדעטן, איינער האַלט זײַן באַנדאַזשירטן אָרעם. אַזוי לויפן מיר האַסטיק פונדאַנען אַוועק.

דער בייסוילעם זעט אויס ווי אַ שלאַכט־פעלד אומעטום וואַלגערן זיך טרומנעס און טויטע קערפּערס. זיי זײַנען נאָכאַמאָל געטויט געוואָרן; אָבער יעדער איינער פון זיי, וואָס איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך, האָט געראַטעוועט איינעם פון אונדז.

מיר גייען צוריק, שווײַגנדיקע שלעפּן מיר זיך איינער הינטערן צווייטן, ווי אין אַ געענדז־מאַרש. די פאַרוווּנדעטע פירט מען אַוועק אין דער סאַניטאַר־סטאַנציע. דער פרימאָרגן איז אַ טריבער, די סאַניטאַרן לויפן אַרום מיט נומערן און צעטלען. די פאַרוווּנדעטע קרעכצן. ס׳הויבט אָן רעגענען.

אין אַ שאָ שפּעטער זײַנען מיר צוגעקומען צו אונדזערע וועגענער און קלעטערן אַרויף. איצט איז דאָ מער פּלאַץ ווי פריער.

דער רעגן ווערט שטאַרקער. מיר נעמען פאַנאַנדער די געצעלט־לײַוונטן און לייגן זיי אויף די קעפּ. דאָס וואַסער האַקט אין זיי, פון די זײַטן רינען אַראָפּ די רעגן־טרערן, די וועגענער פּליאַסקען זיך אין די לעכער, און מיר וויגן זיך, דרימלענדיק, אַהין און אַהער.

צוויי מאַן פאַרנט אין וואָגן האָבן באַ זיך לאַנגע געפינגערטע שטעקנס. זיי גיבן אַבטונג אַף די טעלע־פאָן־דראָטן, וואָס הענגען איבערן שאָסיי, אַזוי בידע־ריק, אַז זיי קאָנען אונדז אָפּרייסן די קעפּ. די צוויי מענטשן כאַפּן זיי אוף רעכטצייטיק מיט זייערע גע־פינגערטע שטעקנס און הויבן זיי איבער אונדז. מיר הערן זייער געשריי:

— פאַרזיכטיק! דראָט.

און דרימלענדיק זעצן מיר זיך אַף די קני און הויבן זיך אוף צוריק.

מאַנאַטאַ קלאַפּן די וועגענער, מאַנאָטאָן זייגען די אויסרופן, מאָנאָטאָן רינט דער רעגן. ער רינט אַף אונדזערע קעפּ און אַף די קעפּ פון די טויטע פאַרנט, ער רינט אַף קעמעריכס קייוער, ער רינט אַף אונד־זערע הערצער.

ערגעץ־ווו הילכט א שאָס. מיר ווערן פאַרציטערט, די נערוון זייגען געשפאַנט, די הענט ווידער גרייט צו וואַרפן די קערפּערס איבער די ווענט פון וואָגן, אין שאָסיי־גראָבן אַריין.

ס׳הערט זיך נישט מער מאָנאָטאָן בלויז די אויסרופן:

— פאָרזיכטיק — דראָט! — מיר שטעלן זיך אַף די קני. ווידער פאַלט אַף אונדז א דרימל.

# אינ צענטערפאַרלאַג

(כאַרקאָוו, טעוועלעוו - פלאַץ, 18)

## געפינט זיך צום פאַרקויף פאָלגנדע
## מאַסן-ליטעראַטור פאַרן דאָרף

1. וואַסילענקאָ — די ראַטן און די קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט.
2. סטאַלין — אַן ענטפער די כ״כ קאָלווירטניקעס.
3. די גרונט-פרינציפן פון אָרגאַניזירן די אַרבעט אין די קאָלווירטן.
4. פ. פאָסטישעוו — די ליקווידאַציע פון ־אַלעגופנטום אלס קלאַס און אונדזערע אופגאַבעס.
5. מ. קאַמענשטיין — פויערים, קאָלעקטיוויזירט אייער ווירטשאַפט.
6. וואס איז אזוינס אגראָמינימום.
7. סטאַטוט פון לאַנדווירטשאַפטלעכן אורטעל.
8. א. קושניר — דער איינהייטלעכער לאנדווירטשאַפטלעכער שטייער אַפן 1930 - 31 יאָר.

Ціна 8 коп.

Х.

Єврейською мовою:

Е. РЕМАРК

ФРОНТ

Всеукраїнська
Філія Центрального
Видавництва
Народів СРСР при
Президії ВУЦВК'у,
Харків